ב"ה, לאדז
מרחשון תרץ

תרומת-חברה אויפ'ן יאָהר תר"ץ

# בית יעקב
## חודש זשורנאל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

| דער ציעל פון די בית-יעקב שולען: | אַבאָנעמענטס-פּרייז: | דאָס פּראָגראַם פון בנות אגודת ישראל: |
|---|---|---|
| צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטאָרישע אייביגקייט'ס-אידעאַלען. | אַ יאָהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאָלאַר. — געלד פריהעראויס. אדרעס פאַר געלד: Łódź, P. K. O. 65.613 | פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פּראָבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה. |

נומער 48

7 יאָהרגאַנג

## מיר פּראָקלאַמירען אַ ווערבירונגס חודש פאַר בנות-אגודת-ישראל!

געוויס געדענקט נאָך יעדע יודישע רעליגיעזע טאָכטער דעם אימפּאָזאַנטען לאַנד-צוזאַמענפאָהר פון בנות-אגודת-ישראל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין לאָדז פאָריגען זומער. דערדאָזיגער צוזאַמענפאָהר, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט די גאַנצע יודישע וועלט, האָט בעוויזען אַז אַ נייע יודישע פרויען-דור דערוואַכט צו אַרבייטען און ווירקען פאַר דער פערשטאַרקונג פון יודישען גייסט אין דער יודישער פרויען-מחנה. דער צוזאַמענפאָהר איז געווען אַ גרויסער קידוש-השם אין דער יודישער וועלט, און איז אַלס אַזאָלכער בעטראַכט געוואָרען פון גאַנצען יודישען פאָלק. אפילו די פּאַרטיי-געגנער פון „אגודת ישראל" האָבען אין דער לאָדזער בנות-קאָנפערענץ געזעהן נייע האָפנונגס-שטראַהלען, פאַר אַ געזונטערער צוקונפט פון יודענטום און יודישקייט. די ערנסטע פּובליציסטען און שריפטשטעלער פון דער אַלגעמיינער יודישער פּרעסע האָבען דעריבער בעגלייט דעם צוזאַמענפאָהר, מיט אויסדריקען פון סימפּאַטיע, גוטע ווינשען און אָנערקענונג.

ווי גרויס איז אָבער געווען די שמחה פון יעדער יודישער רעליגיעזער פרוי אין יענע טעג? אין דער צייט ווען יאָהרען־לאַנג האָט מען בעטראַכט אַלע יודישע טעכטער אין פוילען אַלס אַסימילאַטאָרקעס און פיינד פון יודישקייט — און דאָס איז געווען אַנ'אַקסיאָמע פאַר דער גאַנצער יודישער וועלט — איז געקומען די עפענטליכע מאַניפעסטאַציע פון בנות-אגודת-ישראל, וואו הונדערטער יודישע רעליגיעזע טעכטער, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט טויזענטער, און דעם שאַנד-פלעק פון דער יודישער פרוי אראָפּגענומען. עס איז נישט אמת — האָט געשאַלט די שטימע פון דער קאָנפערענץ — אז די יודישע טאָכטער איז די טרעגערין פון אסימילאַציע און שנאה צום דת אין דער יודישער גאַס! — ניין און טויזענט מאָל ניין, — האָט אָפּגעקלינגען אין עכאָ פון דער יודישער גאַס — עס איז אַ טרויעריגער אמת. דאָס עס געפינען זיך ליידער טעכטער פון ישראל, וועלכע וויסען נישט פון יודישקייט, זיי איז פרעמד די אידעאַלען פון ג־ט'ס פאָלק, זיי אינטערעסירט נישט די ליידען און פרייּדען פון יודישען פאָלק. יאַ, עס זענען צו אונזער בעדויערן פערהאַן אַזעלכע—אָבער לא אלמן ישראל! מיר, די בנות-ישראל, די אָנגעהעריגע צו אגודת-ישראל, האָט זיך געהערט פון יעדער רעדנערין אויף דער בנות-קאָנפערענץ, געהען אין די וועגען פון טראַדיציאָנעלען יודענטום. אַלץ וואָס איז יודיש און אָטעמט מיט יודישקייט, איז אונז הייליג און טייער! מיר פעראורטיילען יעדען פרוב פון אַסימילאַציע, אין וועלכער פאָרם ס'זאָל נישט זיין, סיי אין יודישען הויז סיי אין עפענטליכען לעבען. מיר ווילען ווייטער פלעכטען רינגען צו דער גאָלדענער יודישער קייט און מיט דעמזעלבען מסירת-הנפש, וואָס אונזערע היסטאָרישע פרויען-העלדינס האָבען געשיצט און פערטיידיגט דעם בית-ישראל פון אַלע רוחות רעות, ווילען אויך מיר אין דער היינטיגער צייט דערפאַר קעמפען און עס וועט אונז גאָרנישט זיין צו טייער אין דעמדאָזיגען אידעאַלען קאַמף!

די קאָנפערענץ האָט מיטגעגעבען יעדער דעלעגאַטין אַ רייהע וויכטיגע בעשלוסען און אין דער ריכטונג פון דידאָזיגע רעזאָלוציעס אויפגעפאָדערט די אַרבייט צו פיהרען. באַלד דערנאָך איז אָבער אריינגעטרעטען דער זומער, די צייט פון רוהען און ערהאָלען זיך, אַזוי, אז די גאַנצע בעגייסטערונג, וועלכע די קאָנפערענץ האָט מיטגעגעבען האָט געמוזט אויפבעהאַלטען ווערען אויף אַ פּאַסיגערע אַרבייטס-צייט ווי עס איז דער זומער. און הגם אין דער פעריען-צייט האָבען מיר אויך געהאַט צו פערצייכענען אַ ערפאָלגרייך געשעהעניש, דעם פיהרערין-קורס אין ראַבקא, וועלכע האָט פיל פיל געגעבען, אָבער בכלל איז די טעטיגקייט אין דער פּראָווינץ געוואָרען אָפּגעשטעלט.

און געקומען איז ענדליך איצט דער ווינטער, די צייט פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט, דער מאָמענט ווען די אַרבייט אין פעראיינען און אָרגאַניזאַציעס געהט אין אַ פיל שנעלערן טעמפּאָ, און אָט איז צוריק אויפגעפלאַקערט געוואָרען דער פינק פון

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Listopad 1929
„BAJS JAKOW“

Cena 1 Zł.

ROK VII zeszyt 2(48
Adres Red. „Bajs Jak
Łódź, Aleksandrowsk
P.K.O. 65.6


## אָנשטאָט ספּעציעלע קאַרטען!

דערמיט לאַדען איך איין אַלע מיינע פריינ-
דינס, בית-יעקב-לעהרערינס און בנות-עסקנות
צו מיין חתונה, וועלכע קומט פאָר אין קראָקאָ
אי"ה דאָנערשטאָג יוד כסלו ה. י. — אָנ-
שטאָט ווינש-טעלעגראַמען, בעט איך צו
גראַטולירען דורכ'ן בית יעקב זשורנאַל.

מיט גרויס כבוד

לאַצע שטשערײנסקא

גיט אַ מתנה אייערע קינדער אונזער

## קינדער ביבלאָטעק

שוין ערשינען די ערשטע צוויי העפטען:

ערשטעס העפט:

1) חנה און איהרע זיבען זיהן (היסטאָרישע פאָר-שטעלונג אין איין אַקט). — שרה שענירער
2) שלח-מנות (קינדער-שפּיל אין צוויי אַקטען). — מ. ברוין

צווייטעס העפט:

3) דאָס קרוגעלע אייל (חנוכּה-פאָרשטעלונג אין דריי אַקטען). — א. מגן
4) אַ גוטע עצה (קינדער-סצענע) — מ. ברוין

— יעדעס העפט קאָסט 50 גר. —

ביי 5 העפטען נאָר 2 זל.—אָהן געלט ווערט נישט געשיקט
געלט דאַרף מען שיקען אויף פּ. ק. אָ. 65.613


## נטפי תנחומים.

משתתפות אנו בצערה העמוק של חברתנו היקרה, מורה בבית ספר „בית יעקב“ פעסע תחי' וויטעלזאָהן על אסונה הגדול במות עלי'

### אמה נ"ע

המקום ינחם אותה ומשפחתה. התחזקי, חברתנו והבליגי על יגונך ובעבודתך הקדושה תמצאי נחומים.

מורות בית יעקב:

ט. מיימון — ש. לובאוויט
מ. קוטנר — ר. שפירא
ח. מיימון — ה. אונגער
ש. גריצהנדלר — פּ. שרעמער

אויך מיר דריקען אויס אונזער מיטגעפיהל דער פריינדין פון אונזער זשורנאַל פרל. וויטעלזאָן ג-ט זאָל זי טרייסטען!
רעדאַקציע בית-יעקב-זשורנאַל.


ליינט די ניי-ערשינענע בראָשור

## די אָרגאַניזירונג פון בנות אַג"י

רעדאַגירט און ארויסגעגעבען דורכ'ן צענטראַלען סעק-רעטאַריאַט פון בנות-אגודת-ישראל אין פוילען.

די בראָשור איז וויכטיג פאַר יעדען, וואָס האָט אינטערעס צו דער אָרגאַניזירונג פון די יודישע רעליג-יעזע טעכטער אונטער דער פאָהן פון בנות-אגודת-ישראל.

אין דער בראָשור געפינען זיך מיינונגען פון אַגודה פיהרער און אָרטאָדאָקסישע שריפטשטעלער וועגען בנות אגודת-ישראל.

אין דער בראָשור געפינען זיך אויך אויסצוגען פון די רעדעס, וואָס זענען געהאַלטען געוואָרען אויפ'ן בנות-צוזאמענפאָהר אין לאָדז.

אין דער בראָשור איז אויך פערעפענטליכט. דאָס ערשטע מאָל, גענוי און אויספיהרליך, דאָס פראָגראַם, די גרונד-פרינציפען, ארעגולאַמין און אַרבייטס-פּלאַן פון בנות-אגודת-ישראל, ווי אויך א גענויעם ארבייטס-פּלאַן פאַר דעם אָרטאָדאָקסישען קינדער-פערבאַנד.

אונזער בראָשור איז שוין עסטעטיש אַרויסגעגעבען און האלט 52 זייטען.
פּרייז 1 זל. ביי 5 עקז. נאָר 3 זל. 25 גר.
אדרעס פאַר געלט פּ.ק.אָ. 65,613

אכטונג! מנהלים און מלמדים, בית-יעקב-לעהרערינ[illegible] און פערוואַלטונגען!

דאָס ניי-ערשינענע לערנ-ביכעל פאַר אָנפאַנגער

## אלפון לתינוקות של-בית-רבן

פון בעוואוסטען אָרט. פּעדאַגאָג בנימין זוסמאַן, גאראַנ-טירט ערפאָלג ביים לערנען מיט קליינע קינדער.
פּרייז פון „אלפון“ 1.30

אַ בעזונדערע בראָשור „המדריך“ מיט אָנווייזונגען פאַר'ן לעהרער ווי אַזוי צו בענוצען זיך מיט אונזער נייער מעטאָדע, פּרייז 50 גר.

6 קאָמפּלעטען „אלפא ביתא מטלטלת“ מיט נקודות פּרייז 5 זל.

ס'איז צו בעקומען ביים מחבר נאָך אנדערע וויכטיגע זאכען צום לערנען, וועגען וועלכע מ'קען זיך שריפטליך פער-שטענדיגען.

צו בעקומען אויפ'ן אדרעס פון מחבר:
ב. זוסמאַן, קראקא, קראַקאָווסקא 35

בוכהענדלער ווענדען זיך אויפ'ן אדרעס פונ'ם פערלאַג:
נ. קליין, לאָדז, צעגעלניאַנא 75

## קינדער גאָרטען

גיט אייערע קינדער צו לייענען דעם שעהנעם איינציגען איל[illegible]-סטרירטען קינדער-זשורנאל „קינדער-גאָרטען“ — ערשיינט יע[illegible]ן חודש פּרייז 40 גר. אנ'עקזעמפּלאַר פּ.ק.אָ. 65.613


Red. Lezer Gerszon Frydenzon | געזעצט: נ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50